ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## כד טבת

(חלק כא)

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וחמש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת וארא, יט־כה טבת ה׳תשפ״ה (ג)

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

The Kehot logo is a registered trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com

# כ״ד טבת

יב. ע״פ האמור לעיל (סעיף ח־ט) אין דעם דיוק פון „פעולתו אשר עבד בה״ – אַז דער רצון (עצמי) אין מצות איז פאַרבונדן (ניט אַזוי מיט כוונת המצות, נאָר) מיט מעשה המצות – קען מען אויך זאָגן אַ רמז אינעם ענין ההילולא פון אַלטן רבי׳ן (כ״ד טבת) [וואָס איז חל (ברוב השנים) אין דער וואָך פון פ׳ וארא] – פון דער הפטורה:

צווישן די אגרות קודש וואָס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרן ע״י „הרבנים שי׳ בני הגאון המחבר ז״ל נ״ע״[67] אין ספר התניא, איז דאָ אַן אגרת תנחומין[68] (מיט אַ ביאור אויף דער אגרת) וואָס דער אַלטער רבי האָט געשריבן נאָך דער פטירה פון ר׳ מענדעלע האָראָדאָקער – וואָס ער איז געווען (ניט נאָר אַ צדיק[69], נאָר) אַ נשיא[70].

אין דער אגרת (וביאורה) רעדט זיך אַז אויך לאחרי פטירת הצדיק ווערט נמשך צו תלמידיו כו׳ אַ הארה פון „מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״[71]. געפינט מען אין דעם אַ דבר פלא, אַז אין דער אגרת[72] באַנוצט זיך דער אַלטער רבי מיטן לשון פון היינטיקער הפטורה[73] – „(שבק חיי רוחו) פעולתו אשר עבד בה״.

בכלל, אַז מען לייענט בשטחיות די אגרת (ובפרט – קודם קריאת הביאור) קען מען מיינען אַז דער אַלטער רבי האָט זיך דאָ באַנוצט מיט לשונות פון פסוקים, לשון נופל על לשון וכו׳ ליופי המליצה – (ווי ס׳איז געווען רגיל בפרט בימים ההם), ע״ד ווי מפרשי התנ״ך זאָגן בנוגע לריבוי כתובים בתנ״ך. לערנענדיק אָבער דעם ביאור האגרת (וואָס דער אַלטער רבי בעצמו האָט געשריבן) זעט מען ווי יעדער לשון איז מדויק און האָט אין זיך אַ גאַנצן ענין.

איז תמוה (כנ״ל): פאַרוואָס נוצט דער אַלטער רבי דוקא דעם לשון, וואָס שטייט גאָר ביי נבוכדראצר מלך בבל?

די תמי׳ אין דעם איז נאָך שטאַרקער: אין דעם „ביאור״ ווערט טאַקע ניט דערמאָנט דער לשון „פעולתו אשר עבד בה״, ואדרבה – דאָרט[74] איז ער מדגיש (אַז מ׳איז מקבל פון צדיק) „ע״י דבוריו ומחשבותיו״ – ניט „פעולתו״ (מעשה)?

67) ל׳ ההסכמה לתניא.

68) אגה״ק סכ״ז. נדפסה (עם השלמה) ב„אגרות־קודש״ (קה״ת תש״מ) סי׳ יא (ע׳ כה).

69) כמו האגרת סי׳ כח שהיא על פטירת בן הרה״צ רלוי״צ מבארדיטשוב. ולהעיר שגם שם כותב (בנוגע ל„חסד ה׳״) פועל ישועות.

70) ראה בית רבי ח״א ספ״ד ואילך. וראה לקו״ד ח״א ל, א. ח״ב רעו, א ואילך. ועוד.

71) ל׳ אדה״ז שם בביאור (קמז, סע״א).

72) קמו, א.

73) להעיר ג״כ שלשונו שם „בראותו ילדיו מעשה ידיו בקרבו יקדישו שמו״ הוא (ע״פ) ל׳ ההפטורה דפ׳ שמות (ישעי׳ כט, כג) – כמנהג האשכנזים, וכ״ה מנהג חב״ד – והרי ההסתלקות היתה „במוש״ק דשמות״ (ל׳ הצ״צ – נדפס במענה לשון (ווילנא, תער״ב. קה״ת תש״י. תשכ״ז. ועוד) בתחלתו. פסקי דינים תמב, א). וראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 33 ואילך, השייכות דכ״ד טבת לפ׳ שמות.

74) קמו, ב. ועד״ז להלן (קמז, א) „מחשבותיו ודיבוריו״.

וע״פ הנ״ל — אַז „פעולתו גו׳״ איז מרמז אויפן עילוי פון מעשה (אין צד הקדושה) — יש לומר, אַז דערפאַר ברענגט ער בהאגרת דעם לשון, ווייל דאָס איז אַן ענין עיקרי אין עבודת הצדיק, כדלקמן.

יג. ובהקדים אַ שינוי עיקרי צווישן דער אגרת מיטן ביאור:

אין דער אגרת איז דער עיקר הדגשה אויף דעם אויפטו פון צדיק — אַז „שבק חיים לכל חי״, ער איז ממשיך „חיים״ (אויך לאחרי הפטירה) בעבודת ה׳ „בכל אחד ואחד כפי בחי׳ התקשרותו״, און אויך „במילי דעלמא . . דצדיקייא מגינין על עלמא״.

אין דעם „ביאור״ איז דער עיקר הדגשה אויף קבלת תלמידיו — ווי אויך לאחרי פטירת רבם זיינען זיי מקבל פון עבודת הצדיק (ואדרבה — ניט נאָר אַ זיו, נאָר „מבחי׳ רוח רבם העצמיות״).

ועפ״ז י״ל בדרך אפשר דעם חילוק הנ״ל צווישן דער אגרת מיטן ביאור:

„פעולה״ ווייזט אַז דער כח הפועל וואָס אין דער פעולה איז שוין געוואָרן נפרד פון דעם אדם הפועל (וי״ל שזהו נפרד עוד יותר מ„מעשה״), און דערפאַר איז רעכט אַז מ׳זאָל לגמרי ניט דערקענען אין דער פעולה ווער האָט עס געטאָן.

און דעריבער: בשעת עס רעדט זיך בעיקר וועגן קבלת התלמידים — שטייט דער לשון „דיבוריו ומחשבותיו״ (וואָס אין זיי זיינען מאיר בגילוי די מדות הצדיק — אהבה יראה ואמונה).

משא״כ ווען מ׳וויל אַרויסברענגען די גרויסקייט פון דעם צדיק און זיין אויפטו — איז דער עיקר עילוי אין „פעולתו אשר עבד בה״. ווייל די עצמיות פון צדיק[75] גיט זיך אַרויס (ניט אַזוי אין די ענינים והשפעות אין וועלכע עס איז ניכר מעלת עבודתו, נאָר) דוקא אין זיינע פעולות[76] (שמחוץ[77] הימנו[78])

(ע״ד ווי גערעדט פריער בנוגע צו מצות, אַז דער רצון עצמי פון מצות דריקט זיך אויס בעיקר אין מעשה המצות).

יד. און דאָס איז אויך וואָס מ׳גע־פינט ביי רבותינו נשיאינו, אָנהויבנדיק פון דעם בעש״ט, אַז זייער ערשטע התעסקות לטובת הזולת איז געווען — צו טאָן אַ טובה אַן אידן בגשמיות[79]

— ווי דערציילט בכמה שיחות ורשימות פון רבי׳ן דעם שווער[80] ווי דער בעש״ט וחביריו (הצדיקים הנס־תרים) פלעגן אַרומפאָרן צווישן אידן און געזוכט ווי צו אַרויסהעלפן זיי בגשמיות, און ערשט דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט העלפן זיי ברוח־ניות —

וואָס אין השפעת טובה גשמית איז ניט אַזוי קענטיק אַז זי איז פאַרבונדן מיט אַ צדיק (ומעלת עבודתו) — די

75) שדומין לבוראם (רות רבה פ״ד, ג. ועוד).

76) להעיר מפתגם אדמו״ר מהורש״ב נ״ע (ספר השיחות ה׳ש״ת ע׳ 31): אַ חסיד באַדאַרף זיין אַ איבערגעגעבענער צו די פעולות פון רבי׳ן (נת׳ בשיחת ש״פ וישב תשכ״א). ולהעיר גם מלקו״ש שם (ע׳ 36 ואילך).

77) ראה קונטרס ענינה של תורת החסידות (סעיף כ) — בביאור הפנימי בזה שד׳ אמות של אדם קונות לו בכ״מ (ב״מ י, א), ע״ש.

78) להעיר שגם בתלמיד ומצד התלמיד — שלימות העילוי היא „אשר יצק מים״, שימוש (מ״ב ג, יא. ברכות ז, ב).

79) ראה לקו״ש ח״א ע׳ 261.

80) ראה „התמים״ ח״ב ע׳ מד [138]. ועוד.

**זעלבע טובה וואָלט געקענט טאָן אַן אַנדערער, לכאורה, וואָס איז ניט בדרגת צדיק – און דוקא די עבודה איז געווען די** התחלה **פון זייער התעסקות עם בנ"י. ווייל דוקא אין דעם גיט זיך אַרויס זייער עצמיות**[81].

(משיחות ש"פ וארא תשל"ב)

81) להעיר ג"כ ממה שכתב אדה"ז קרוב להסתלקותו (אגה"ק ס"כ (איהו וחיוהי), נפש השפלה) – אריכות במעלת העשי' וגשמית (ראה בארוכה לקו"ש חט"ז שיחה לכ"ד טבת).